13/6093
MICROFORM
לע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

ל. קוויטקאָ

# דאָס קעצעלע

צייכענונגען פון י. דייַץ



13/6093

קינדער־פאַרלאַג פון אוסס״ר 1935

בּא אונדז איז דאָ א קעצעלע,
א קלײנינקס, אזא אָ!
די מאמע זאָגט, סע טויג אונדז ניט...
נאָר מיר דאָך טויג עס יאָ!

אזוי איז דאָס א שווארצינקס,
ג̄אָר פיסלעך—ווײַס ווי שניי,
צווײ גלאנציק־קלײנע וואָנסעלעך,
וואָס שטענ̄דיק פוצט זי זײ.

אך, איז דאָס א לעבּעדיקס,
איך שפּיל מיט דעם אונ האָפּ,
סע דראפּעט מיר די הויזעלעך
און קריכט מיר אפנ קאָפּ.

די מאמע האָט דאָס קעצעלע
פאר מײַזעלעך געבּראכט,
שפּילט זיך דאָס א גאנצנ טאָג
און שלאָפט זיך גאָר בּאנאכט!







איכ קיצל דעמ די אויערלעכ,
די גלאטע ווי א פליוש,
סע פארמאכט די אויגעלעכ, —
גלעט איכ עס אונ קוש.

ווענ צוריק סע עפנט זיי, —
בינ איכ שוינ גאָר ניטאָ.
שפרינגט עס, טאנצט עס, זוכט מיכ אומ,
זוכט א גאנצע שאָ.





זוכט מיכ אינעמ אייוועלע,
אינ קריגעלע, אינ טאָפ —
אונ פונ דער הויכער פאָלעצע
ס'פאַלט מיר אפנ קאָפ.

מיר שפילנ זיכ אונ שפילנ זיכ
אונ שלאָפנ נאָכ דער זונ:
ווער אונ וואָס די מײַזעלעכ, —
סע האָט ניט וואָס צו טונ?



נאָר איינמאָל מיט דעם קעצעלע
געטראָפנ האָט א זאכ:
די מאמע האָט געזעענ עס
מיט מײַזעלעכ אסאכ,

ווי סע טאנצט אונ שפרינגט מיט זיי,
שפילט זיכ אנ אנטיק!
פאָכעט מיט דעם וויידעלע
אונ מאכט די מײַזלעכ שטיק!









די מאמע האָט געכאפּט עס בּאלד
אונ גיכ ארויס פונ שטובּ,
פארטראָגנ עס צומ הינטערהויז,
אראָפּגעלאָזט אינ גרובּ.





איכ האָב זיכ דאָ ארומגעדרייט
אונ שטיל געוויינט, געברענט, —
אפילע מיט די לאָשעקלעכ
זיכ שפילנ ניט געקענט.

גאָר שפּעטער מיט א ווײַלינקע,
די מאמע איז נאָך ניטאָ, —
האַ־אַ! איך הער, בּאַם טירעלע
דאָס קעצעלע איז דאָ.



מיר האָבּנ זיכ דערפרייט אזוי,
אונ בּאלד פארפירט א שפּיל.
געקומענ איז די מאמע בּאלד,
אונ נאָר געשמייכלט שטיל.

בּא אונדז איז דאָ דאָס קעצעלע,
דאָס קליינינקע, דאָס אָ.
די מאמע זאָגט, סע טויג אונדז ניט,
איכ ווייס, מיר טויג עס יאָ!



Л. КВІТКО

# КИЦЕНЬКА

ДИТВИДАВ

פּרײַז 50 קאָפּ.



Одобліт № 1138. Уповнов. Головліту № 383. Замов. № 387. Тираж 3000. Здано до складання 12-VII 35 р. Підписано до друку 26-VII 35 р. Папір 72х110 3/4 друк. арк. Черг. від. 105.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

רעדאַקטער — אי. גרינזײַדי
טעכנאָפּירער — יא. אָלמאַנ.
קאָרעקטער — נ. ראַכליס.